בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

תולדות

שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## די לאנגע דורכגאנג

### חלק א': עשו'ס וועלט

#### עשו ווי א פירער

**די** סדרה פון דער וואך דערציילט אונז איבער דעם געבורט פון עשו. מיר ליינען די פאלגנדע ווערטער: "ויצא הראשון אדמוני" - און דער ערשטער איז ארויסגעקומען א רויטער (בראשית כ"ה, כ"ה). מיר באמערקן גלייך אז די תורה זאגט אונז דא צוויי זאכן, קודם כל אז ער איז געבוירן געווארן צום ערשט, וואס דאס אליין גיט פאר עשו א נאטירליכע פאזיציע פון פירערשאפט - אזוי איז אלעמאל געווען איינגעפירט, אז דער ערשט־געבוירענער האט געהאט די פריוויליגיע צו באלעבאטעווען אין דער משפחה.

עשו איז געווען דער פירער נישט נאר אלס עלטסטער, נאר ער האט אויך אויסגעקוקט ווי זיין ראלע, "ויצא הראשון אדמוני" מיינט אז ער איז געבוירן רויט. דאס מיינט נישט דוקא אז ער האט געהאט רויטע האר נאר ער איז געווען רויט אויף זיינע באקן - דאס בלוט וואס איז דורכגעלאפן זיינע אדערן האט זיך ארויסגעזען פון זיין הויט.

הקדוש ברוך הוא האט אים געשאנקען א פעסטן אויסזען וואס יעדער האט אנגענומען אז מן השמים איז ער מער געאייגנט פאר דער פירערשאפט פון דער פאמיליע. ער האט געהאט דעם נאטירליכן אויסזען ווי א פירער - א געזונטער בריה.

אויב איר וואלט ווען געפרעגט די אדומים, וואלטן זיי אייך דערציילט אז דער פסוק איז די סיבה פון וואו עס שטאמט זייער נאמען. זיי האבן זיך גערופן "אדום" צו ווייזן אז זייער עלטער־זיידע איז געבוירן מיט די פיזישע סימנים פון פירערשאפט, און ווי די רעכטע אור־אייניקלער וואלט זיך זיי געקומען צו זיין דאס אויסדערוועלטע פאלק. זיי האבן געוואוינט נעבן ארץ ישראל און האבן קיינמאל נישט פארגעסן אז דער אינגערער ברודער האט געניצט כיטרע שטיקלעך צו גנב'ענען די בכורה פונעם ריכטיגן אייגנטימער - עשו. ער איז געווען דער רויטער וועלכער איז געבוירן געווארן צו רעגירן. דערפאר האבן זיי זיך גערופן מיטן נאמען "אדום", אלס א הילכיגער פראטעסט פאר דער וועלט: "אונזער עלטער־זיידע איז געבוירן צו זיין דער פירער פון דער פאמיליע, און די רעכטן זענען גע'גנב'עט געווארן דורך זיין אינגערן ברודער!"

#### פון אן אנדער קוק־ווינקל

**קומט** די תורה און זאגט אונז אן אנדער סיבה פאר דעם נאמען. "ויאמר עשו אל־יעקב הלעיטני נא מן־האדם האדם הזה כי עיף אנכי" - און עשו האט געזאגט צו יעקב, גיס אריין אין מיין מויל פון די רויטע לינזן, ווייל איך בין מיד. "על־כן קרא־שמו אדום" - דעריבער האט מען אים גערופן אדום.

מען דארף פארשטיין אז וואו אימער ס'שטייט "על־כן" קומט דאס אויסצושליסן דאס וואס מען וואלט ווען געמיינט. די תורה זאגט אונז דא: "הערטס נישט צו צו וואס די אדומים ווילן אז איר זאלט גלייבן, אז עשו איז גערופן געווארן רויט צוליב זיינע כוחות און שטייפקייט. ניין, "על־כן קרא שמו אדום," די ריכטיגע סיבה פארוואס מען האט אים גערופן אדום איז, צוליב דעם עפיזאד וואס ער האט פארקויפט זיין בכורה פאר א שיסל רויטע לינזן!"

ווי אזוי איז די מעשה צושטאנד געקומען? די תורה ברענגט דאס ארויס ווי פאלגנד: "ויבא עשו מן

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

השדה והוא עיף" - און עשו איז געקומען פון פעלד און ער איז געווען מיד. די ווערטער "והוא עיף" זענען נישט געשריבן געווארן בלויז פאר אן ערקלערונג. חז"ל זאגן אונז אז עשו איז נישט דווקא געווען אויסגעמוטשעט פון פאנגען חיות אין וואלד, נאר אז ער איז געווען אויסגעמוטשעט גייסטיש און מאראליש, ער איז געווען צעבראכן פונעם שאק וועלכער ער האט נארוואס בייגעוואוינט.

## דער פחד פון טויט

**חז"ל** פארציילן אונז אז יענעם טאג איז געשען א טראגעדיע - אברהם אבינו איז נפטר געווארן. און פאר עשו, וועלכער איז געווען בערך פופצן יאר אלט, איז די פטירה פון זיין זיידן געווען א גרויסער קלאפ. ס'איז געווען אזא שאק פאר אים אז חז"ל זאגן (שם) אז אין יענעם טאג "עשו כפר בתחית המתים" - עשו האט געלייקנט אין תחיית־המתים.

מאכט נישט קיין טעות, עשו האט אויסדריקליך געגלייבט אין עולם הבא, ס'איז בכלל נישט קיין שאלה! וואס איר טראכט איבער עשו זאלט איר וויסן אז איר מאכט א טעות. עשו איז געווען א מאמין, ער איז געווען דער זון פון צוויי חשוב'ע עלטערן און צווישן דער חשוב'ער משפחה איז עולם הבא געווען זייער אטעם. דאס גאנצע לעבן איז געווען נאר מיט "עולם הבא". עשו האט גארנישט געזאגט עפעס וואס איז א סתירה דערצו; ער איז נישט ארויסגעקומען זאגן אומפאסיגע ווערטער קעגן דער אמונה פון זיינע אבות. עשו וואלט ענדערש געזאגט ער גלייבט נישט אין זיין אייגענע עקזיסטענץ ווי צו זאגען ער גלייבט נישט אין עולם הבא!

וואס איז אייגנטליך געשען אין יענעם טאג? ווען עשו האט געהערט פון דער ביטערער בשורה אז אברהם אבינו איז נפטר געווארן, האט ער פארלוירן א געוויסע מאס פון זיין פעסטקייט אין עולם הבא; ער האט פארלוירן זיין זיכערקייט, אזוי איז ער געפאלן עטליכע מדריגות פון זיין משפחה. ווייל אינעם מענטשליכן אויג זעט אויס דער טויט עפעס וואס איז קעגן השארת הנפש.

ווען א מענטש גייט ארום; ער פונקציאנירט ערשט קלאסיג; ער עסט דריי מאלצייטן א טאג און ער האט געלט אין טאש, איז זייער גרינג צו רעדן פון יענער וועלט. פארוואס נישט?! אין צוגאב צו דער וועלט וויל ער יענע וועלט אויך... צוליב דעם וועט ער גליבן. אבער ווען ער זעט א מת ווערט אים פלוצלונג שווער צו גלייבן פון לעבן נאכן טויט.

אזוי איז עס, טויט פארנארט דעם מענטש צו טראכטן אז דאס איז דער סוף כל אדם. וואס איז די ערשטע זאך וואס איר טראכט ווען ס'איז דא א מת? אז ס'איז די "ענדע". נישט קיין חילוק וויפיל אייער שכל וועט אייך זאגן אז נשמות לעבן אייביג וועט איר ווערן אנטוישט זייענדיג נעבן א מת. עס וועט אייך קלאפן אין די אויגן: "קוק, ער איז טויט, ס'איז געענדיגט!"

איך בין אמאל געגאנגען מנחם אבל זיין, נישט געדאכט, א איד פון אונזער שול וועלכער איז געזעסן שבעה נאך זיין טאטן. ווי נאר איך האב אנגעהויבן צו רעדן האט ער אויסגעפלאצט אין א געוויין, דערציילנדיג ווי שטארק עס טוט אים וויי. ער איז געווען זייער צעבראכן, ווייל בשעת זיין טאטע האט אויסגעהויכט זיין נשמה האט ער געזען דעם טויטן קערפער וואס איז געווען לעבנסלאז ווי א שטיק הויט און ביינער. ער האט געשפירט אז דאס איז דער סוף. זיין טאטע איז מער נישטא.

אוודאי איז דער מענטש א מאמין. אבער אלע "אני מאמין'ס" וואס ער האט "אראפגעמורמלט" נאך שחרית יארן לאנג האט אראפגעקראכט צו א הויפן ברוכווארג דערזעענדיג דעם לעבנסלאזן קערפער פון זיין טאטן.

דאס איז וואס ס'האט פאסירט צו עשו - ער האט פארלוירן זיין גלייכגעוויכט. דאס מיינט "עיף", ער איז נישט געווען פיזיש אויסגעמוטשעט, נאר אויסגעמוטשעט גייסטיש. ער איז געווען צעקלאפט און מיואש. פאר א ווייל האט ער פארלוירן זיין אנלאנונג - זיין בליק אויף "לעבן".

## פארלוירן די פירערשאפט

**דערפאר**, ווען דער מידער און מיואש'דיגער עשו האט זיך צוריקגעקערט פון דער לויה, דערזעענדיג זיין ברודער קאכן רויטע לינזן, האט ער אויסגערופן: "הלעיטני נא מן האדם האדם הזה" (בראשית כ"ה, ל'). איך קען פארשטיין אז דאס איז נישט אלעס וואס עשו האט געזאגט. איך גלייב אז ס'איז פארגעקומען א שמועס צווישן די צוויי אין וועלכן עשו האט אויסגעדריקט עפעס פון זיין אומצופרידנהייט און געפאלנקייט. יעקב מיט זיין שארפע אויג האט פארשטאנען די שוואכקייט פון עשו; ער לאזט נאך זיין איבערצייגונג אין עולם הבא.

מ'קען דא אביסל מלמד זכות זיין אויף עשו און זאגן אז ער איז געווען עיף, ער איז געווען צעמישט און אין

עטליכע טעג ארום וואלט ער זיך אויסגעטשוכעט. כ׳גלייב אז עשו וואלט זיך צוריקגעקערט צו זיין משפחה׳ס פרינציפן און ער וואלט צוריקבאקומען זיין גלייכגעוויכט.

אבער אין דעם טאג האט דער סצענע פון טויט אראפגעקלאפט עשו ביז דער ערד. פאר א מינוט האט ער פארלוירן דעם געוויסן אז ״העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא״ - די וועלט איז גלייך צו א קארידאר צו יענער וועלט. ס׳איז א לאנגער דורכגאנג אבער פונדעסטוועגן איז עס נאר א ״דורכגאנג״.

וואס איז דער איינציגסטער ציל אויף דער וועלט? ״התקן עצמך״ זיך צוצוגרייטן אינעם פארצימער כדי צו קענען אריינקומען אינעם גרויסן זאל. ״התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין.״

עשו האט פאר א ווײַלע פארלוירן זיין בליק מיינענדיג אז דער פארצימער איז דער זאל. ס׳איז אזוי ווי א מענטש וואס קומט צו א חתונה. ער שפאנט אריין אינעם פארצימער פון זאל וואו מען הענגט אויף די מאנטלען. נאך איידער ער טוט אויס זיין מאנטל נעמט ער ארויס א באטל בראנפן, טרינקט זיך אן, און הייבט אן זינגען און טאנצן. די חתונה איז אינעווייניג אבער ער טאנצט אינדרויסן. ער לייגט אריין זיין גאנצע ענערגיע צו טאנצן קעגן דעם ארבעטער וואס הענגט אויף די מאנטלען אנשטאט צו טאנצן קעגן חתן וכלה. ער לעבט זיך אפ ביז ער פאלט צוזאם און מען מוז אים ארײַנשלעפן אין א טעקסי אפצופירן אהיים - ער איז געענדיגט פאר דער נאכט! אזא מענטש פארשטייט נישט פארוואס א פארצימער איז געמאכט געווארן. פונקט דאס איז וואס עשו האט געטון יענעם טאג!

ווען יעקב האט געזען זיין ברודער מוטלאז נאכן בייוואוינען דעם רעאליטעט פון טויט, איז דאס געווען א סימן אז ער איז צו שטארק אריינגעטון אין דער וועלט, האט ער פארשטאנען אז עשו איז נישט דער פאסיגער מענטש צו זיין דער בכור, דער פירער פון דער משפחה.

וואס איז דער רעש? אברהם איז נפטר געווארן? איז וואס? ס׳איז ממילה נאר די קומענדיגע וועלט וואס איז וויכטיג.

יעקב האט געזען אז עשו האט פארלוירן דעם בליק פון דעם פשוט׳ן עיקר - האט ער גלייך געטראכט אין הארצן, יעצט איז די צייט צו טון עפעס פאר אונזערע צוקונפטיגע דורות, מיר ווילן נישט אז אונזערע קינדער זאלן זאגן ״אלוקינו ואלקי אבותינו אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי עשו...״ דערפאר האט ער געבעטן עשו צו פארקויפן די בכורה ווייל ער איז נישט ראוי פאר דער פריווילעגיע. א מענטש וועלכער קען פארלירן זיין בליק אפילו נאר פאר א קורצער מינוט, איבער דעם אמת אז די וועלט איז נאר א פארצימער בעפאר דער ״אייביגקייט,״ קען נישט זיין דער בכור פון דער משפחה.

## דער פאטער פון די ״לינזן״ מענטשן

**פארשטייט** זיך אז יעקב אבינו האט דאס נישט אזוי אראפגעלייגט, ער האט נישט געקענט אזוי רעדן צו אן עלטערן ברודער... אין יענער צייט האבן מענטשן רעספעקטירט עלטערע ברידערס. אבער אין הארצן האט יעקב דאס געטראכט.

כאטש עשו האט געזאגט פרומע ווערטער, באקרוינט מיט ענוה - ״הנה אנכי הולך למות״ - איך גיי ממילא שטארבן וואס איז שוין די וועלט? גארנישט מיט נישט, ״ולמה זה לי בכרה,״ פארוואס דארף איך כבוד? וואס זאגט די תורה דערצו? די תורה פארדאמט אים שטארק, איך גלייב נישט אז ס׳איז דא נאך א פלאץ אין דער תורה וואו עשו ווערט אזוי קריטיקירט ווי אין דער פרשה. ״ויאכל וישת ויקם וילך״ - ער האט געגעסן לינזן, ער האט געטרינקען אביסל ווײַן און ער האט זיך אויפגעשטעלט און אוועקגעגאנגען. ״ויבז עשו את הבכרה״ - און עשו האט פארשעמט די בכורה.

דאס איז א געפערליכע קריטיק קעגן עשו. דו האסט געהאט דעם געלעגנהייט צו זיין אן עובד השם, אויסצוניצן די וועלט קונה צו זיין זכותים דורך דינען דעם אייבערשטן און דו האסט דאס אזוי גרינג אוועקגעגעבן. ״ויבז עשו את הבכרה.״ די גמרא (ב״ב טז:) זאגט, ״שט את הבכורה״ - ער האט אפגעווארפן די בכורה. ווייל ער האט פאר א מינוט פארלוירן דעם בליק אויף עולם הבא.

דער פשט וואס די תורה גיט אונז אויף דעם נאמען פון די אדומים איז דער ריכטיגער. ״על־כן קרא שמו אדם,״ זיי זענען ״רויטע לינזן״ מענטשן. ס׳איז אן אייביגע דערמאנונג אז עשו האט פארלוירן די געלעגנהייט צו גרויסקייט ווייל ער האט פארגעסן פארוואס די וועלט איז געמאכט געווארן. אנשטאט צו האבן א נאמען פון שעצונג - ״אדומי,״ וואס איז פאר גרויסקייט, איז ער געווארן ״אדום,״ דער וואס האט איינגעטוישט גרויסקייט פאר א שיסל רויטע לינזן, און דאס איז דער אייביגער שאנד־נאמען צוגעשעפעט צו עשו!

# חלק ב': יעקב אבינו'ס וועלט

## דער ביזנעס פון קנעכט פון השי"ת

**די** מעשה אין דער תורה איז געשריבן געווארן אלס א לימוד ווי אזוי מיר זאלן לעבן אויף דער וועלט - ווי אזוי מיר זאלן טון ביזנעס אין עולם הזה.

דער חובת הלבבות, וואו ער רעדט ארום ווי אזוי צו דינען השי"ת זאגט: סחרו עמו, זיי טוען ביזנעס מיט השי"ת. איר הערט דאס?! אנדערע טוען ביזנעס מיט געלט אדער ווערטפולע זאכן, און די קנעכט פון באשעפער טוען ביזנעס מיט אים.

"טון ביזנעס מיט השי"ת" איז גאנץ אן אינטערעסאנטער אויסדרוק וואס מיר דארפן ארייינקלערן דעראין. מיר פארשטייען גוט די ביזנעס־וועלט - ביזנעס מיינט אז מען פארקויפט עפעס צו מאכן ריווח. וואס איז דער ביזנעס וואס א מענטש מאכט מיטן אויבערשטן? וואס טוען עבדי השם פארקויפן און וואס באקומען זיי אויף צוריק? מ'איז מסביר אז מען פארקויפט עולם הזה און מען באקומט עולם הבא אנשטאט.

אמאליגע צייטן זענען געווען אסאך צדיקים וואס האבן געמאכט אזעלכע ביזנעס דיעלס מיט השי"ת. פאר דעם צדיק אין די צייטן פון אנטיוכוס הרשע האט מען געגעבן דעם אויסוואל אדער צו קניען צו דער עבודה זרה אדער גע'הרג'עט ווערן. האט ער געטראכט: "איך וועל אוועקגעבן פאר הקדוש ברוך הוא אלע מיינע יונגע יארן וואס איך וואלט נאך געקענט לעבן, מיין גאנצע עולם הזה וואו איך וואלט נאך געקענט חתונה האבן און געבוירן קינדער, איך וואלט נאך געקענט הנאה האבן פון א לאנג לעבן און איך וויל דאס אלעס אויפגעבן פאר אים צו זוכה זיין צו עולם הבא." סחרו עמו - ער האט געטון ביזנעס מיט השי"ת.

דער ביזנעס פון אינגאנצן אויפגעבן עולם הזה פאר עולם הבא איז נישט דער ריכטיגער פשט. דער פשט איז אזוי ווי דער אויבנדערמאנטער ביישפיל פון א איד וואס גייט על קידוש השם אבער דאס מאכט זיך נאר ביי אייציגע פעלע.

## דער ריכטיגער וועג פון טון ביזנעס

**וואס** איז דער ריכטיגער וועג צו טון ביזנעס מיט השי"ת? ס'איז נישט דורך אויפגעבן די וועלט פאר עולם הבא. די וואס לעבן געהעריג אויס זייער לעבן אין עולם הזה זענען די וואס מאכן "סחרו עמו" אויפן בעסטן אופן וואס איז שייך.

זיי טוען ביזנעס דורך אויסניצן עולם הזה צו דינען השי"ת. זיי לעבן געהעריג און דער אויבערשטער גיט זיי צוריק עולם הזה אין צוגאב צו עולם הבא. דער ריכטיגער עובד השם האט הנאה פון זיינע טעג אויף דער וועלט און דערנאך האט ער הנאה אויך פון עולם הבא. אזוי מאכט ער ריווח פון אלע זייטן!

דאס אז יעקב אבינו האט געלעבט זיינע לעבנס־טעג פאר דער קומענדיגער וועלט מיינט דען אז ער האט נישט הנאה געהאט פון זיין לעבן? ס'שטייט נישט אז יעקב האט נישט איבערגעלאזט קיין רויטע זופ פאר זיך. איך שטעל זיך פאר אז ער האט איבערגעלאזט עפעס זופ פאר זיך אויך, אפילו ער האט געגעבן פאר עשו א גרויסע פארציע, א דאפלטע אדער טריפלטע אנצופולן עשו'ס האלז אז ער זאל קענען אוועקנעמען די בכורה, גלייב איך אז ס'איז נאך איבערגעבליבן פאר יעקב. מ'קען זיכער זיין אז יעקב האט געהאט מער עולם הזה ווי סיי ווער.

מיר וועלן נעמען אביסל צייט דאס מסביר צו זיין ווייל דאס איז א וויכטיגע נקודה. אן עובד ה' פארשטייט אז דער וועג אנצוקומען צו עולם הבא איז צו גיין אין די וועגן פון השי"ת אויף דער וועלט בשעת ער גייט אריבער דעם פארצימער פלאנירט ער וויאזוי אנצוקומען צום גרויסן זאל.

## א פראוויזארישע וועלט

**איינער** איז אמאל געקומען באזוכן דעם הייליגן חפץ חיים ז"ל. ארייינקומענדיג האט ער אים געטראפן זיצן אין א קליינעם צימער וואו עס איז נישט געווען קיין מעבל אויסער א טיש מיט א באנק וואס איז געווען צאמגעקלאפט פון אפאר העלצער און נעגלעך. דער מענטש איז געווען זיכער אז מסתמא האלט מען יעצט אינמיטן איבערבויען דאס הערליכע הויז פונעם חפץ חיים און דערווייל האט מען אים געגעבן דאס קליינע צימערל מיט אפאר פראוויזארישע מעבל.

"וואו איז אייער מעבל?" האט דער גאסט געפרעגט, זיך אומקוקנדיג צו אלע זייטן.

"און וואו איז דיין מעבל?" האט אים דער חפץ חיים צוריקגעפרעגט.

"אה, איך בין נאר א באזוכער דא," האט דער מענטש זיך פארענטפערט.

"איך בין אויך א באזוכער!" איז געווען דעם חפץ חיים'ס אנטווארט. אזוי האבן די גרויסע לייט געלעבט, אז זיי זענען דא אויף דער וועלט נאר פאר א באזוך.

ווען איר גייט צו דער באן־סטאנציע, אויפן וועג אנצוקומען ערגעץ, וועט איר נישט באשטעלן באקוועמע קאוטשעס צו האבן וואו צו זיצן, יעדע רגע קען דער באן אנקומען, דער קאנדאקטאר וועט אויסרופן: "יעדער שטייגט אויף", און איר וועט נישט האבן קיין צייט מיטצונעמען קיין שום זאך. נאר די פאר קליינינקייטן וואס גייט אריין אין אייער רענצל.

בשעת פטירתו של אדם, ווען א מענטש דארף גיין רופט מען אויס, "אויפשטייגן," "אין מלוין לו לאדם לא כסף וזהב," אלע אייערע פארמעגנס בלייבט איבער, נאר וואס ס'גייט אריין אין אייער רענצל - "תורה ומעשים טובים בלבד," נאר די מצוות און מעשים טובים קומען מיט (אבות ו', ט').

אבער נישט נאר תורה ומצוות קען מען קונה זיין אויף דער וועלט. נאר ווייל מען איז א באזוכער מאכט דאס עולם הזה ווייניגער הנאה? בכלל נישט.

דער חפץ חיים וועלכער איז געזעסן אויף דער האלצערנער באנק איז געווען דא פאר זייער א לאנגער צייט, ביז די צוויי און נייַנציג יאר האט ער הנאה געהאט פון דער וועלט. ער איז געווען אין א גוטן געזונט־צושטאנד; זיינע באקן זענען געווען רויט ביז זיין לעצטן יאר. ער האט הנאה געהאט בשעת ער איז געווען פארנומען צו פאקן זיין רענצל מיט תורה ומצוות. דער חפץ חיים האט נישט פארשווענדעט צייט. ער האט גוט אויסגעניצט זיינע 92 יאר. אבער בשעת ער איז געווען פארנומען צו פאקן זיין רענצל איז ער געווען זייער פריילעך מער ווי סיי ווער וואס פארשטייט נישט אז די וועלט איז נאר א פארצימער, ווייל ער האט פארשטאנען אז ער איז נאר א באזוכער.

כ'וועל אייך מסביר זיין וואס ס'מיינט א "באזוכער". ווער עס האט שוין געוויילט א זומער אין קאנטרי געדענקט אז ס'דא צוויי סארטן געסט, ס'דא די געסט וועלכע זענען דארט פאר א גאנץ זומער, זיי וועלן זיך נישט יאגן אין ערגעץ, זיי האבן די וועלטס־צייט. אבער די מענטשן וואס זענען אין שטאט א גאנץ זומער און האבן יעצט באקומען א באנגעלא פאר עטליכע טעג, וועלן ארייכאפן הנאה צו האבן יעדע מינוט. זיי וועלן מיטנעמען אין קאנטרי גרויסע פעק מיט אינטערעסאנטע באשעפטיגונגען אויסצוניצן די צייט מיט ווי מער הנאה. ער ווייסט אז די צייט איז קורץ און ער וויל איינזאפן ווי מער הנאה ווילאנג ער קען. דאס מיינט אז א טוריסט מאכט מער ניצן פון געלעגנהייטן ווי א פערמאנענטער בירגער.

די מענטשן וואס ווייסן אז זיי זענען טוריסטן אויף דער וועלט, האבן הנאה מיט אייפער און התלהבות מער פון סיי וועמען. איר וועט נישט זען צדיקים אריינגיין אין קאַרס מוצאי שבת צו גיין זוכן אונטערהאלטונגען. צדיקים דארפן נישט טרינקען צו ווערן אויפגעהייטערט, זיי האבן שוין זייער הנאה אין בית המדרש, נאר צו גיין פון הויז צום ישיבה איז אן הנאה פאר זיי!

צדיקים וועלכע פארקויפן די וועלט פאר יענער וועלט האבן ווייניגער הנאה פון דער וועלט? שפירן זיי ווייניגער די הנאה פון לעבן ווי איינער וואס מיינט אז די וועלט איז אלעס? ס'קען זיין אז איר האט זיך נאך קיינמאל נישט אפגעשטעלט דאס צו אנאליזירן, ווען א מענטש פארשטייט אז די וועלט איז נאר א צייטווייליגער פלאץ צו באזוכן נעמט ער ארויס פיל מער דערפון.

## די פריילינקייט פון יעקב אבינו

**ווען** א מענטש ווייסט אז ער איז דא צייטווייליג איז ער אויטאמאטיש מער פריילינק. און אויב איר גלייבט מיך נישט דעמאלטס קענט איר מאכן א פשוט'ע פראבע: ווען איר גייט אריין אין א בית החיים, ווערט מען אייביג אויפגעלעבט, ווייל ווען מען זעט אז איין טאג דאס לעבן קומט אמאל צו אן ענדע מאכט דאס אז מען זאל מער שעצן דאס וואס מען פארמאגט, און מער הנאה האבן דערפון.

און נאך אלעמען, וואס איז די בעסטע הנאה אויף דער וועלט? צו וויסן אז איר טוט דאס בעסטע וואס איר קענט צו פאקן אייערע פעקלעך פאר יענער וועלט.

"יעקב" קומט פונעם ווארט "עקב" וואס מיינט - "ענדע" אזוי ווי "והיה עקב תשמעון," - און עס וועט זיין דערפאר וואס איר וועט צוהערן. "יעקב" באדייט, דער וואס קומט דעם אנדערן. עשו איז געקומען קודם אבער יעקב וועט צום סוף מער מצליח זיין ווייל ער ווייסט ווי אזוי אויסצוניצן עולם הזה.

## חלק ג' - אונזער וועלט

**דעריבער** דארפן מיר אכטונג געבן נישט צו מאכן דעם זעלבן גרייז ווי עשו. אוודאי האט עשו געוואוסט אלעס וועגן עולם הבא; ער האט געקענט דרש'ענען פן דער קומענדיגער וועלט מער פון אונז, אבער ס'איז נישט אריין אין זיינע

ביינער. צוליב דעם איז ער אזוי אראפגעפאלן ווען דער זיידע אברהם איז נפטר געווארן. א מענטש וואס ווייסט די ווערד פון לעבן, ווען ער הערט אז איינער איז נפטר געווארן, איז יעדער טאג אן אוצר, יעדע שעה איז א באזונדער געשאנק. ווען ער זעט אז אפילו א צדיק דארף שטארבן הייבט ער אן צו טראכטן, "ווי אזוי קען איך פארשווענדן אן אוצר פון לעבן און עס לאזן גיין פארביי?"

דער טעות וואס עשו האט געמאכט ווערט כסדר איבערגע'חזר'ט דורך דער מענטשהייט. אפילו די פרומע רעכענען עולם הבא בלויז פאר "אמונה". אוודאי זענען זיי וויליג צו גלייבן, פארוואס נישט? אבער ווען ס'קומט צו לעבן מיט דעם געדאנק וואס זאל האבן אן השפעה אויף זייער אויפפירונג, דאס איז שוין אן אנדערע מעשה... מיט זייער מויל קענען זיי דערציילן איבער עולם הבא, אבער זיי כאפן נישט אז ס'איז א טאפנדיגע רעאליטעט. בעצם איז דאס די איינציגסטע רעאליטעט! די וועלט איז כחלום יעוף, ווי א חלום וואס גייט פארביי, אבער די קומענדיגע וועלט איז די "עכטע" וועלט!

עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז די אמונה אין עולם הבא איז נישט קיין מידת חסידות. ווען מען מישט אויף דעם מסילת ישרים, דעם ספר פון עבודת השם זעען מיר דארט אז עולם הבא איז אלעס! עס ווערט געברענגט דארט אז מיר דארפן שטענדיג וויסן קלאר אז "יסוד החסידות ושרש העבודה" - דער פונדאמענט פון עבודת השם איז, "שיתברר ויתאמת אצל האדם מה חובתו בעולמו... הוא העולם הבא" - עס זאל זיין קלאר און איבערצייגט ביי דעם מענטש וואס זיין פליכט איז אויף דער וועלט... דאס איז יענע וועלט.

לייג צו קאפ צו די ווערטער פונעם מסילת ישרים ווייל ס'דא דא צוויי באזונדערע פונקציעס, "יתברר" מיינט אז ס'מוז ווערן קריסטאל קלאר וואס אייער ציל איז אויף דער וועלט, אנצוקומען צו עולם הבא; אבער דאס אליין איז נישט גענוג, אין צוגאב צו דעם וויסן דארף מען "ויתאמת", זיין איבערצייגט אין עולם הבא. איר דארפט ווידמען יעדעס ביסל אנשטרענגונג וואס איר האט, זיך איבערצוצייגן אז דאס איז אמת. איר דארפט פרובירן מיט אלע אייערע מעגליכקייטן צו ערגרייכן א פעסטע אמונה אין דער רעאליטעט פון עולם הבא. איר זאלט זיין איבערצייגט אין דער עקזיסטענץ פון עולם הבא, נישט ווייניגער ווי איר זענט איבערצייגט אין דער עקזיסטענץ פון אייערע צען פינגער...

דערפאר איז וויכטיג נישט צו ווערן צו שטארק איינגעדרייט אין עולם הזה און פארגעסן אז ס'דא אן עולם הבא. אזוי ווי די גמרא זאגט (עבודה זרה יז.) איינמאל מ'ווערט איינגעדרייט אין דער וועלט איז שוין זייער שווער זיך צו אפטשעפען. ווייל דאן קען מען גרינג מאכן דעם זעלבן טעות ווי עשו און זיך אינגאנצן אויספארקויפן פאר דער וועלט. וויבאלד די טיפע איבערצייגונג אין עולם הבא איז דער פונדעמענט אין עבודת השם דארפן מיר טון אלעס וואס איז אין אונזער מעגליכקייט צו "ויתאמת" זיך איבערצייגן אינעם אמת, און דערנאך זיך מער איבערצייגן. מיר דארפן אוועקגעבן אסאך צייט צו טראכטן פון עולם הבא.

ווי אזוי קענט איר זיך צוגרייטן צו עולם הבא אויב איר טראכט נישט דערפון; ניטאמאל רעדן דערפון? איז דאס נישט א טראגעדיע? מיר ווילן דאס נישט צולאזן אז ס'זאל געשען ווייל מיר האבן נישט ליב טראגעדיעס...

אנשטאט נאר צו רעדן ווי אזוי מען קען שטייגן, זאל מען עפעס טון דערצו. מיר ווילן תיכף ווערן "ביזי" טראכטנדיג פון עולם הבא. צוזאמען לאמיר אנהייבן מיט אן עולם הבא פראגראם. מיר ווילן אוועקגעבן א מינימום פון דרייסיג סעקונדעס א טאג צו טראכטן פון עולם הבא, דערמאנענדיג זיך אז די וועלט איז נאר אן הכנה פאר דער קומענדיגע וועלט. פאר א האלבע מינוט זאלט איר זיך דערמאנען אז די וועלט איז נאר א פארצימער, א פלאץ וואו מ'לייגט אוועק די זאכן מסודר פאר דער קומענדיגער וועלט.

יעדן טאג, 30 סעקונדעס אויפן זייגער זאלט איר טראכטן פון עולם הבא, איר האלט אינמיטן דרייוון צו דער ארבעט; איר ווארט אריינצוגיין צום דאקטער; אדער אפילו איר ווארט ביים עק גאס אז דער לעקטעך זאל ווערן גרין - וואס אימער איר האלט אינמיטן טון זאלט איר לאזן דעם זייגער טיקען דרייסיג מאל ווילאנג איר זענט אין אן אנדער וועלט.

דאס איז דער פונדעמענט פון א איד - די קלארע איבערצייגונג אז אונזער ציל איז עולם הבא, יענע וועלט. נישט אז יענע וועלט איז אן הוספה וואס מיר ווילן "אויך" באקומען, נאר יענע וועלט איז די זאך!

## כסדר'דיגע דערמאנונגען

**זיך** צו דערמאנען פון עולם הבא איז אויסגעצייכנט: זייער אויסגעצייכנט! אבער ווייל ס'איז אזוי וויכטיג נישט צו פארגעסן פון אונזער ציל אין לעבן וואס וועט השי"ת טון? ער האט רחמנות אויף זיינע מענטשן וואס פארגעסן כסדר אז זיי גייען יעצט נאר אריבער דעם פארצימער. ער וויל נישט אז מיר זאלן פארשווענדן אונזערע גאלדענע געלעגנהייטן אויף דער וועלט, דערפאר וועט

ער אונז צושיקן דערמאנונגען פון אלע סארטן.

און די גרעסטע דערמאנונג פון אלעם איז, אז עולם הזה געווענליך צעפאלט זיך, ס׳איז א פאקט; אויב איר וועט זיך ארומקוקן וועט איר זען אז אזוי איז עס ביי יעדן. די מענטשן וואס לעבן נאר פאר עולם הזה זענען אייביג אנטוישט ווייל עולם הזה האט א טענדענץ אז ס׳פאלט צוניף. איר קענט האבן דאס שענסטע הויז און אריינברענגען די בעסטע כלה אין דעם הויז, פריער אדער שפעטער וועט דאס אלעס צאמפאלן.

די פעינט הייבט אן זיך צו שיילן און די רערן קראכן. די הויז ווערט אלט, איר ווערט אלט, און איר וועט מער נישט הנאה האבן דערפון. מיט דער צייט וועט די כלה אויך ווערן אלט, וואס זאל זי טון? זי וועט נישט בלייבן א קעניגין פאר שטענדיג! אויב איר אינוועסטירט אין א הויז וועט איר ווערן אנטוישט. אויב איר אינוועסטירט אין גלאנץ וועט איר ווערן אנטוישט, פון אלעם ווערט צום סוף א גרויסער גארנישט, א בארג אש!

## די קינדער

**געוויסע** מענטשן מיינען אז די לעזונג איז צו אינוועסטירן אין די קינדער! אבער די מענטשן וואס לעבן פאר זייערע קינדער ענדיגן אויך מיט אנטוישונג, מענטשן וואס לייגן אריין אלעס וואס זיי האבן אין זייערע קינדער בלייבן אנטוישט. אפילו די בעסטע קינדער וואס געבן אייך דאס מערסטע נחת וועלן אייך צום סוף אנטוישן.

פריער אדער שפעטער וועלן די קינדער ווערן זעלבסטשטענדיג, זיי וועלן חתונה האבן און זיך גיין זייער וועג און איר בלייבט ווערטלאז, חוץ אויב איר האט אסאך געלט וואס איר קענט נאך ארויסשעפן אין אייער מושב זקנים, דאן וועט איר באקומען אן אויפנאמע פון יעדעם. אויסער דעם געבן זיי זיך פיין אן עצה אן אייך. נישט ווייל זיי זענען נישט קיין פיינע קינדער, נישט ווייל זיי זענען שלעכט נאר זיי האבן זייער אייגן לעבן און זייערע אייניקלעך און איר ווערט א שווערע לאסט אויף זיי.

אייער אייגענער קערפער הייבט אויך אן צו דערמאנען פון עולם הבא. ווען א מענטשנ׳ס האר הייבט אן צו ווערן גרוי דערמאנט ער זיך אז ס׳איז דא אן עולם הבא; יעצט ווייסט איר שוין פארוואס די האר טוישט זיך. אין פאל איר האט זיך נישט געגרייט די אלע פארלאפענע יארן קומט אייך די האר דערמאנען: ״מאך דיך שוין גרייט!״ ארטרייטוס קומט אויך דערמאנען אייער יארגאנג. געווענליך וועלן אויך די ציינער וואס זענען שוין מער נישטא, אייך דערמאנען. די ציינער וואס מען קויפט אין געשעפט ארבעטן נישט אומבעסטן. די עסן וואס איר פלעגט עסן מיט אפעטיט, קען מען נישט געהעריג צעקייען מיט די פאלטשע ציינער.

צוביסלעך ווערט אייער אָנקניפ מיט דער וועלט לויז, דאס איז וואס השי״ת טוט. ס׳איז אזוי ווי ווען די עלטערן האלטן צו א באנקנאט אין זייערע הענט. דאס קינד וויל עס זייער שטארק האבן, וועט ער עפענען איין פינגער, דערנאך נאך א פינגער, ביז דאס האלטן ווערט לויז און ער קען שוין ארויסנעמען דעם באנקנאט. דאס איז וואס השי״ת טוט מיט אונז, ער מאכט לויז אונזערע פינגערס אויף עולם הזה.

די דערמאנונגען זענען א חסד, אז איר זאלט וויסן נישט צו לייגן אייער האפענונג אויף עולם הזה, אז איר זאלט נישט מאכן דעם זעלבן טעות ווי עשו.

איך האב אמאל באזוכט אין מושב זקנים און באטראכט די אלטע לייט, אלטע אמעריקאנער, בורים. מענטשן וועלכע האבן קיינמאל נישט געטראכט פון דעם ענין וואס מיר רעדן דא, ס׳איז געווען א רחמנות אויף זיי. זיי זענען געזעסן און געקלאצט. זייער לעבן איז איבערגעדרייט געווארן צו אנטוישונג. ״דא טוט מיר וויי...״ ״איך קען נישט גיין דא...״ האבן זיי זיך אפגערעדט. זיי האבן גארנישט געהאט נאר צרות צרורות. דארט קענט איר גארנישט הערן נאר ווי אזוי מ׳רעדט זיך אפ. די מענטשן האבן אלע אנגעוואוירן זייער לעבן ווייל זיי האבן געלעבט נאר פאר עולם הזה, יעצט האבן זיי מער גארנישט פון דער גאנצער זאך.

דארט אויף דעם זעלבן פלאץ אינעם מושב זקנים איז געווען אן אלטער מאן מיט א ווייסער בארד וואס איז געזעסן ביים טיש איבער אן אפענער גמרא, ער איז געווען **ביזי** זיך צו גרייטן פאר דער קומענדיגער וועלט, ער האט געהאלטן אינמיטן איבער׳חזר׳ן אלעס וואס ער האט געלערנט אין זיינע יונגע יארן און ער איז געווען דער פרייליכסטער מענטש דארט. ער האט געוואוסט אז ער האט א ציל דא און גארנישט האט אים נישט אויפגערעגט, אלעס האט זיך אויסגעארבעט פונקט ווי ער האט ערווארטעט! די ארטרייטוס, די פאלשע ציינער, די נורסעס - זיי זענען געווען דא כסדר אים צו דערמאנען איבער דעם גרויסן זאל צו וועלכן ער ריכטעט זיינע טריט. ער מאכט זיך גרייט צו אריינקעשן! ער האט געצײלט אלע זיינע אינוועסטמענטס איידער ער גייט, צו מאכן זיכער אז ער לאזט גארנישט איבער, ער איז געווען א פרייליכער מענטש!

## א גליקליכע רייזע

**דאס** איז וואס דער מאמר (אבות ו׳ ד׳) קומט אונז לערנען: ״כך הוא דרכה של תורה, פת במלח תאכל,״ איר פארשטייט דעם פראגראם? איר ווילט מצליח זיין אין לערנען? עס ברויט מיט זאלץ. פארוואס פונקט זאלץ? פוטער איז נישט כשר? דאס מיינט אז אויב איר האט נישט עפעס אנדערש וואס צו עסן זאלט איר לייגן זאלץ. ״ומים במשורה תשתה״ - און איר זאלט טרינקען וואסער מיט א מאס. פארוואס מיט א מאס? ווייל אויב איר האט נישט גענוג וואסער זאלט איר טרינקען שפארעוודיג. ״ועל הארץ תישן״ - אייער דארמיטארי איז אויף דער ערד, אויב איז דאס דער מצב, מוז מען אזוי לערנען.

פארשטייט זיך אז אויב איר האט מער, קענט איר דאס ניצן. ס׳איז גארנישט שלעכט מיט פוטער אויפן ברויט און א מאטראץ צו שלאפן, אבער דאס ווויכטיגסטע איז ״ובתורה אתה עמל״ - אין תורה זאלסטו זיך פלאגן. ס׳מיינט נישט נאר צו לערנען תורה נאר אויך עבודת השם.

וואס זאגט די משנה? אויב דו וועסט אזוי טון וועסטו זיין גליקליך אין עולם הבא? ניין! לייג צו קאפ צו וואס די משנה זאגט: ״אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא״ - וואויל איז דיר אויף דער וועלט און גוט איז דיר אויף יענער וועלט. די גליקליכע מענטשן אויף דער וועלט זענען די וועלכע ניצן אויס זייער לעבן צו עררייכן.

און ווען דער צייט וועט קומען אריבערצוגיין צו דער קומענדיגער וועלט, וועט ער זיך טרעפן מיט די אבות הקדושים וועלכע זענען נהנה פון דער אייביגער וועלט און ער וועט זיך פאראייניגן מיט זיי מיט דער גרעסטער מאס שמחה וואס מען קען טרעפן ביי א מענטש וואס האט געענדיגט זיין רייזע מיט סוקסעס. אזוי ווי איינער וואס גייט ארויס פון הויז צו פארן צו אן אנדערער לאנד וואו ער איז שטארק מצליח און ווערט זייער רייך, דערנאך קערט ער זיך צוריק צו זיין היים צו באזוכן די אלטע איינוואוינער. ער קומט מיט נייעס איבער זיין גרויסן סוקסעס, זיינע גרויסע דערגרייכונגען און זיין גרויסע רייכטום. ער דערגרייכט עולם הבא טראגנדיג מיט זיך אלע זיינע סחורה וואס ער האט אנגעגרייט. זיין צדה לדרך איז זיין שמחה.

אויב איר וועט נישט זיין אזוי ווי עשו וואס האט פארפאסט זיין געלעגנהייט אויף דער וועלט, דאן וועט איר קומען צו דער אנדערער וועלט, ״בא־יבוא ברנה נשא אלמתיו״ - קומען זאל ער מיט געזאנג טראגנדיג זיינע בינטלעך (תהלים קכ״ו, ה). איר וועט זיין דער סוקסעספולער ביזנעסמאן לעולם ועד, דער וואס האט געלעבט צופרידן אין עולם הזה און לעבט גליקליך און צופרידן אין עולם הבא!

## שאלות ותשובות מיט ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאלה:

**וואס איז אייער שטעלונג וועגן פראווען די חגא פון טעינקס-גיווינג, הײנט נאכט מיט א טורקי פאר נאכטמאל?**

### תשובה:

טעינקס-גיווינג איז א חגא וואס איז אויסגעטראכט געווארן דורך גוים פארן ציל צו גיין אין תְּפִלָּה, דאס איז וואס די ארגענאלע ציל איז געווען, דערפאר איז עס עבודה זרה. אידן זענען פארבאטן אנטייל צו נעמען אין אזעלכע ענינים, אויב די עסט טורקי ספעציעל לכבוד טעינקס-גיווינג ביסטו אן עובד עבודה זרה. דאס איז מיין שטעלונג.

ס׳זענען דא וואס זענען מיקל אין דעם ענין, אבער איך מיין אז ס׳איז אן אמת׳ע עבודה זרה, איך מיין אז ס׳איז יהרג ואל יעבור, אין א מענטש זאל בכלל נישט עסן טורקי אין דעם טאג. ער זאל מאכן א מסירות נפש נישט צו עסן טורקי, ווייל מ׳דארף פארשטיין אז דאס איז א קריסטליכע מנהג, ס׳איז נישט בלויז א לעגאלע האלידעי. ממש לעצטנס איז עס געווארן א לעגאלע האלידעי, פון אייביג אן איז עס געווען א קריסליכע חגא, און דאס איז וואס ס׳איז ביזן היינטיגן טאג.